Algemeiner Journal
A NATIONAL JEWISH JOURNAL
אלגעמיינער זשורנאל

FRIDAY, NOVEMBER 20, 1987 ב״ה, יום ו׳, כ״ח חשון, תשמ״ח פרייטאג, נאוועמבער 20, 1987

# כשרות סקאנדאל מיט טריפה עופות פון שיקאגא פירמע רודערט־אויף אידן איבער'ן לאנד

**״אָ־יו״ האט אוועקגענומען דעם הכשר פון דער ״שעלאט פאלטרי״ פירמע פאר פאר־קויפן טריפה'נע הינער מיט'ן עמבלעם פון ״אָ־יו״. — אגודת הרבנים גיט ארויס א דערקלערונג וועגן כשר'ן כלים און קיך וואו מען האט געקאכט טריפה עופות.**

א געריכט אין שיקאגא האט פארבאטן א פירמע פון כשר'ע עופות צו פארקויפן איר סחורה און האט אויך פארפרירן די פינאנצן פון דער פירמע. אויפ'ן פארלאנג פון דעם ״ארטאדאקסישן שוהלן פארבאנד״ אין ניו יארק, וועלכע האט אוועקגענומען איר הכשר און געלאזט וויסן אלע רבנים און ועדי כשרות וועגן דעם סקאנדאל וואס האט ארויסגערופן א שטורם איבער'ן גאנצן לאנד צווישן אידן וואס היטן אָפּ כשרות.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון הרב מנחם גענעק, רבנישער קאָארדינאטאר פון דער כשרות אָפּטיילונג פון דער ״ארטאראקס יוניאן״, איז ארויסגעפונען געווארן אז די ״שעלאט פאָלטרי״ פירמע פון שיקאגא האט אויך געהאט א געהיימען ביזנעס־פלאן. אין צוגאב צום פלאן וואו ס'איז פראדוצירט געווארן כשר'ע סחורה אונטער דער אויפזיכט פון א קאמפּעטענטן, שטענדיקן משגיח. און פון דעם געהיימען פלאן האבן די ארויסגעשיקט טריפה פראדוקטן אויף וועלכע זיי האבן ארויפגע־טאן דעם ״אָ־יו״ כשרות עמבלעם.

די סחורה וואס ״שעלאט״ האט פארקויפט איז געווען אין גרעסערע קוואנטומס צו אינסטי־טוציעס, האטעלס און קייטערערס, און ניט צו יחידים וואס קויפן עופות פאר פערזענליכן געברויך. פון פארלעסליכע קוואלן ווערט איבערגעגעבן, אז פאָלטרי פון ״שעלאט״ איז שטארק גענוצט געווארן איבער'ן גאנצן לאנד, איינגעשלאסן אויך אין ניו יארק אויף גרויסע דינערס און שמחות.

פון דער ״ארטאראקס יוניאן״ ווערט איבערגעגעבן אז די פירמע ווערט איצט אויך אויסגעפארשט פאר ציווילער און קרימינעלער

**פארזעצונג אויף זייט 8**

# כשרות סקאנדאל רודערט־אויף אידן איבער'ן לאנד

**פארזעצונג פון ערשטער זייט**

פאראנטווארטליכקייט. אויך די כשרות ביורא פון ניו יארק סטעיט פארנעמט זיך מיט אויספארשן די באשולדיקונג און האט שוין ביז היינט באשטעטיקט דורך אן אונטערזוכונג אין א לאבאראטא־ריע אז די סחורה פון ״שעלאט״ האט ניט פארמאגט דעם פראצענט זאלץ וואס כשר'ע געזאלצענע עופות דארפן האבן.

עס ווערט געשאצט, אז די ״שעלאט״ פאָלטרי, וואס איז צוריקגעהאלטן געווארן פון פארקויף אין ניו יארק סטעיט, באשטייט פון ארום 50 טויזנט מאלצייטן.

די ״ארטאדאקס יוניאן״ האט אויך רעקאמענדירט אז די וואס האבן גענוצט די ״שעלאט״ עופות זאלן פרעגן א שאלה ביי זייער רב וועגן כשר'ן די כלים.

## דערקלערונג פון אגודת הרבנים

אין שייכות מיט דעם סקאנדאל פון די טריפה עופות פון דער שיקאגא פירמע, וואס זענען פארקויפט געווארן אלס כשר'ע, האט די אגודת הרבנים ארויסגע־געבן די פאלגענדע דערקלערונג:

לעצטנס האט די כשרות ארגאניזאציע ״אָ־יו״ געמאלדן וועגן א חשד פון א שרעקליכן מיסברויך וואס איז באגאנגען די פירמע ״שעלאט״ אין שיקאגא, וואס האט פארקויפט אין א גרויסן קוואנטום טריפה'נע עופות אלס כשר'ע, נוצנדיק דעם כשרות צייכן ״אָ־יו״ אויף זייערע פראדוקטן. זייט די ידיעה איז באקאנט געווארן, האט אונדזער טעלעפאן ניט גערוט, טאג און נאכט. מענטשן פון נאענט און ווייט האבן געפרעגט שאלות: וואס איז דער דין אויב איינער איז נכשל געווארן מיט נוצן די דאזיקע טריפה'נע עופות? דעריבער געפינען מיר פאר נויטיק צו לאזן וויסן פאלגענדעס: אין א שטוב אין וועלכער מען האט געקאכט די טריפה'נע עופות מוז די קיך אויך וועלכער מען האט געקאכט און די כלים וועלכע מען האט באנוצט, גע'כשר'ט ווערן, טיילמאל מיט הגעלה, און טיילמאל מיט ליבון.

עס איז דעריבער ראטזאם אז יעדער אינטערעסירטער זאל זיך פרעגן ביי א רב מובהק. דער דאזיקער פאקט לערנט אונדז ווי מיר דארפן רעארגאניזירן די גאנצע כשרות סיסטעם אין אמעריקע כדי צו זיין זיכער אז מיר ווערן ניט נכשל אין דברים אסורים טאג טעגלעך.